נומער 5.20

ע ק ז ע ק י ו ט י ו ו א ר ד ע ר

**פארזעצנדיג די צייטווייליגע אפשטעלונג און ענדערונג פון געזעצן פארבינדן מיט די קאטאסטראפע עמערדזשענסי אין די קאונטיס: בראנקס, קינגס, ניו יארק, ריטשמאנד און קווינס צוליב אומשטענדן ביי רייקערס איילענד טורמע**

**אזוי ווי**, די רייקערס איילענד טורמע (Rikers Island Correctional Center) האט לעצטנס אן ערנסטע מאנגל אין איינגעשטעלטע אין די לעצטיגע חודשים און דאס איז ערווארטעט צו פארזעצן;

**אזוי ווי**, די אומשטענדן אין די טורמע זענען ערווארטעט ווייטער צו שאפן אן אומזיכערן, לעבנס-דראענדע פלאץ סיי פאר די ארעסטאנטן און סיי פאר די שטאב מיטגלידער;

**אזוי ווי**, א פעדעראלע נאכפאלגער וועלכער איז באשטימט געווארן אויפצופאסן די טורמע האט באריכטעט א "פארשפרייטע שטאפל פון אומארדנונג און כאאס" אין די איינריכטונגען אין די עלפטע באריכט פון די *Nunez* זעלבסטשטענדיגע נאכפאלגער;

**אזוי ווי**, עס איז דא א נויט צו פארגרינגערן דאס באנוץ מיט ווירטועלע געריכט ערשיינונגען צו פארשנעלערן די פראצעסן און צו אריבערפירן טורמע שטאב מיטגלידער וועלכע ארבעטן אין טראנספארטאציע פון די באשולדיגטע פון און צו די געריכט זאל צו ארבעטן אין אויפזיכט און זיכערהייט פון די איינריכטונגען וואו די ארעסטאנטן האלטן זיך אויף;

**יעצט, דערפאר, טוה איך, קעטי האקול**, די גאווערנער פון ניו יארק סטעיט, מיט די כוח פון די אויטאריטעט געגעבן צו מיר דורך די קאנסטיטוציע פון ניו יארק סטעיט און דורך טייל 28 פון ארטיקל 2-B פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ, דערמיט פארלענגערן די סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי ווי עס איז אויסגעלייגט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדער 5 און ווי פארגעזעצט געווארן דורך עקזעקיוטיוו ארדער 5.19, און איך טוה דערמיט פארזעצן די טערמינען, באדינגונגען און אפשטעלונגען וועלכע זענען אויסגערעכנט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדער 5 און די נאכפאלגנדע ארדערס ביז מאי 30, 2023.

א ר ו י ס ג ע ג ע ב ן אונטער מיין האנט און אונטער דעם אפיציעלן זיגל פון

די סטעיט אין די שטאט אלבאני אום דעם דרייסיגסטן

טאג פון אפריל, אין דעם יאר צוויי טויזנט דריי און

צוואנציג.

דורך די גאווערנאר

סעקרעטאר פאר די גאווערנער